בס"ד

# עונג שבת

# פרשת יתרו תשע"ב

**גוט שבת אלע אידן.** מיר ליינען די וואך אין די פרשה ווי די אידן האבן מקבל געווען די תורה. ב"ה אז די הייליגע תורה איז זייער ברייט און א איד קען זיך הארוועווען א גאנץ לעבן אין איר. אזוי ווי ר' חנניא בן עקשיא האט געזאגט: רצה הקב"ה לזכות את ישראל לפיכך הרבה להם תורה ומצות – דער אייבערשטער האט געוואלט מזכה זיין די אידן, ווען דעם האט דער באשעפער אונז געגעבן א גרויסע תורה מיט אסאך מצוות. (מכות כג:)

איינער וואס איז קלוג, וועט זיך זיכער ארייגלייגן זיינע עיקר כוחות אין לעבן, ביים לימוד התורה און טון מצוות. אבער ליידער, עס איז דא היינט ביי א גרויסע טייל אידן א געוויסע "קוצר רוח" (כעין וואס איז געווען פאר די גאולה פון מצרים). לטובת די בעלי "קוצר רוח" גייט מען לייגען דעם דגש די וואך אויף דעם תמצית פון דער הייליגער תורה. די תכלית איז, בלשון "קצרה": "**זיי א מענטש.**" דער מקור פון דעם איז די גמרא וואס דערציילט ווי א גוי איז אמאל געקומען צו הלל בעטענדיג אז דער צדיק זאל אים מגייר זיין דורך אויסלערנען דעם גאנצע תורה בשעת די גוי שטייט אויף איין פוס. הלל האט טאקע מסכים געווען אים מגייר צו זיין זאגענדיק: "דעלך סני לחברך לא תעביד, זו היא כל התורה כולה, ואידך, פירושה הוא..." ד"ה, וואס דו האסט פיינט, צו דיין חבר זאלסטו נישט טון, דאס איז די גאנצע תורה, די איבריג איז נאר א פירוש אויף דעם כלל. (שבת לא.) עס קומט אויס פון דער גמרא אז די עיקר פון דער הייליגער תורה איז: "**זיי א מענטש.**"

איז לאמיר דערציילן פיר מעשיות וואס ווייזן אויף דעם יסוד. שבת פרשת בא אפאר וואכן צוריק, זענען געקומען קיין סקווירא פארשידענע גרופעס פון בחורים. צווישן זיי איז געווען א גרופע פון "בעלי–תשובה" בחורים פון ניו דזשערסי. בשעת דעם "טיש" פרייטאג צונאכטס האט מען באמערקט ווי דער געטרייער מלמד פון יענע בחורים איז געשטאנען אינטער זיי אזוי ווי א טאטע ביי זיינע אייגענע קינדער. (מקיים צו זיין די הייליגע ווערטער פון רבי יונתן: כל המלמד בן חבירו תורה, מעלה עליו הכתוב כאילו ילדו – איינער וואס לערנט תורה מיט דעם זון פון יענעם, ווערט באטראכט אזוי ווי זיין טאטן.) (סנהדרין י"ט:)

בקיצור, ווען מען רעדט מיט יענע בחורים, זעט מען אז עטליכע פון זיי ווייזן א מורעדיג שטארקען מסירות נפש פאר שבת און כשרות. דאס מערהייט פון זייערע עלטערן ליידער שטערן זיי פון היטן תורה און מצות, אבער זיי טון נאכאלץ היטן וויפיל עס איז שייך אינטער די שווערע מצב אינדערהיים.

דער מחבר פון דעם צעטל האט אליינס זוכה געווען צו זיצן צוזאמען מיט זיי און שמועסן אביסל ביים אנפאנג פון ש"ס ביי זייערע חשובען גאסטגעבער מוה"ר יצחק שאול פאל שליט"א. בקיצור, צווישן די עניינים וואס מען האט גערעדט דארט איז געווען די גדלות פון בית סקווירא און די גרויסע הייליגע עבודה וואס זיי גיין זען ביים ש"ס טיש פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א. די בחורים זענען זייער שטארק נתרגש געווארן, און זיי האבן אלע אנגעפאנגען צו פארשטיין דעם קדושה וואס ערווארט זיי ביים טיש.

אויף איינער פון דאזיקע "בעלי–תשובה" בחורים, וואס איז טאקע זייער א תמימותדיגער, האט מען דערזען אז ער איז שטארק איבערגענומען געווארן פונעם מעמד. ארייגנגיינדיג צום טיש זאל, האט יענער געוואלט טון עפעס, א קלייניגקייט, פארן כלל. וואס האט ער געטון, דער תמימותדיגער בחור פון א פארווארפן דערפל אין ניו דזשערסי? ער האט געהאלטן אויפן דעם טיר כדי אידן זאלן קענען גרינגער אריינקומען צום טיש.

עס האט אבער נישט גענומען לאנג ביז עס איז געקומען א בחור וואס האט געמוזט פארעכטן דעם תמימותדיגען בעל תשובה, אז ער טוט נישט לויט דעם מנהג המקום! עפעס אזוי ווי "דו לאזט אריין די קעלט!" האט ער געזאגט צום בעל תשובה! דער תמימותדיגער ב"ת האט געהאט חלישת הדעת און ער האט געזאגט "סָארִי," און אזוי האט זיך געענדיגט דעם האלטן אויפן דעם טיר פאר אנדערע. איינער, א יונגערמאן האט דאס אלעס געזען און ער האט געזאגט צו די פארזאמעלטע בחורים אז זיי קענען זיך אפלערנען פון יענעם תמימותדיגע ב"ת. טאקע! דורך געדענקען דעם מעשה קען מען געדענקען אז די עיקר פון דער הייליגער תורה איז : "**זיי א מענטש.**"

די צווייטער מעשה גייט אזוי: בערך צען יאר צוריק איז פארגעקומען אין א געוויסע חסידישע קהילה, אן אויפרוף פון א חתן וואס זיין עלטערן וואוינען נישט אין אזא חסידישע געגענט. מוצאי שבת האט דער טאטע פונעם "פרעמדען" (?!?) חתן געזען ווי א גוי נעמט צוזאמען די האנטוכער פונם מקוה אין בית מדרש. בשעת דער גוי איז ארויפגעקומען דעם טרעפן האלטענדיג א שווערען האלטער פון האנטוכער, האט אפאר יונגלעך געווארפן קליינע שטיינער אויפן גוי. פארשטייט זיך אז יענער איד, דער טאטע פונעם חתן האט נישט מיטגעלאכט. חוץ דעם וואס די קינדער האט געטון אזא זאך, האט קיינער פון די איינוואוינערען נישט מוחה געווען. דער טאטע פונעם חתן האט שטארק הנאה געהאט פונעם שיינעם שבת אין יענע קהילה ווי יעדער איינער איז אזוי ווארעם. אבער דער מעשה מיט'ן גוי האט געמאכט אזא שלעכטען רושם אויף יענעם, אז ער דערציילט דעם מעשה צום היינטיגען טאג אלס א ביישפיל פון א חלול השם, רח"ל. דורך געדענקען דעם מעשה קען מען געדענקען אז די עיקר פון דער הייליגער תורה איז : "**זיי א מענטש.**"

דער דריטער מעשה גייט אזוי: הרה"צ רב יעקב קאמינעצקי ז"ל איז געווען א גרויסער תלמיד חכם, חוץ דעם וואס ער האט געהאט א נאנטען שייכות מיט סקווירא. איינמאל האט רב יעקב געדארפט אויפשטיין זייער פרי צו עפעס א מצוה צוועק. ווען ער אנגעקומען צו יענער פגישה אינדערפרי, האט מען באמערקט אויף אים אז ער האט נישט געשלאפן אזוי סאך דורכ'ן נאכט.

רב יעקב ז"ל האט דערציילט שפעטער פארוואס ער האט נישט געשלאפן דעם גאנצען נאכט. עס איז געווען א הייסע זומערדיגע נאכט, און ער האט נישט געהאט קיין "עירין קדישין", אזוי האט ער געדארפט לאזן אפען דעם פענסטער דעם גאנצע נאכט. צוליב דעם האט ער נישט געוואלט שטעלן קיין וועקער זייגער, ווייל לעבען אים האט געוואוינט א גוי להבדיל וואס האט פארן זעלבען טעם געלאזט אויפן זיין פענסטער ביי נאכט. און אויב רב יעקב וועט שטעלן דעם וועקער זייגער, וועט עס אויפוועקן דעם גוי, און ער וועט באגנבענען דעם שלאף פונעם גוי! דורך געדענקען דעם מעשה קען מען געדענקען אז די עיקר פון דער הייליגער תורה איז : "**זיי א מענטש.**"

דער דריטער מעשה איז געשען אנפאנג די וואך. עס איז א פיצי מעשה אבער עס האט געמאכט א רושם אויף די וואס זענען סענסיטיוו צום ענין פון מאכן א קידוש השם. ביים קאורט אינעם שטעטל איז פארגעקומען א משפט די וואך, נישט קיין גרויסע זאכן, נאר א גוי, א דרייווער פון א געוויסע גראסערי אין שטעטל האט געכאפט אפאר טיקעטס. זייענדיג נישט קיין עושר האט דער גוי נישט געקענט זיך ערלויבן צו דינגען א אדוואקאט צו גיין פאר אים קאורט. פארשטייט זיך אז דער גוי, וואס לכאורה איז בכלל "אי–ליגאל" דא, האט שטארק מורא געהאט. אריינקומענדיג אין קאורט יענע נאכט האט מען געזען ווי דער ערל זיצט דארט נערוועיז וכו'. אבער וואס איז געווען דער חידוש? עס איז געזיצן לעבען אים להבדיל א איד, וואס איז דער זון פועם בעל הבית פונעם גראסערי.

דער איד האט נישט באקומען די טיקעטס, דער גוי האט! עס איז נישט געווען אויפן אחריות פונעם איד צו קומען צום קאורט. ווען דעם האט עס געמאכט א רושם אויף דעם ריכטער און אנדערע דארט צו זען ווי דער איד העלפט זיין ארבעטער, אפילו ער איז א גוי. עס איז געווען א קלייניגקייט פאר'ן איד. אבער די קידוש השם איז געווען ריזיג... געדענק: די עיקר פון דער הייליגער תורה איז : "**זיי א מענטש.**"

א גוי איז א גוי איז א גוי. אבער א איד איז דאך א איד! מיר זענען אנדערש... דאס מיינט צו זאגן אז א גוי איז טאקע א בהמיות'דיגע בריאה קעגען אונז הייליגע אידן להבדיל. א גוי קען נישט אזויפיל שטייגן אין לעבן. אבער מיר, וואס די תורה רופט אונז דעם "עם סגולה" קענען ארבעטען אויף זיך און זיך פארבעסערן אונזער מידות. דורך אויפפירען ווי א מענטש מיט אנדערע, גוים און להבדיל אידן אויך קענען מיר ווייזן אז מיר זענען טאקע מיטגלידער פונעם "עם סגולה." **גוט שבת אלע אידן.**